18 אלגעמיין יודישער נאציאנאל-ווירטשאפטליכער בלאק 18
צום סיים און סענאט

# די חוצפה פון די לאדזער גרינבוימיסטען שטייגט אריבער יעדע גרעניץ.

נישט גענוג, וואס זיי נארען בעוואוסטזיניג דעם וועהלער, אז דער מכלומרש'טער קאנדידאט פון זייער ליסטע איז לאוונים יאעל. בעת איז אמת'ען איז זייער קאנדידאט דער נאציאנאליסטיש-דייטשער טישלער שפיקערמאן, ערלויבען זיי זיך אויף סקאנדאליעזע רכילות'ן. איז זייער האס ווארפען זיי אויף אונז א רכילות, אז מיר העצען מכלומר'שט אין אונזערע אויפרופען געגען דער דייטשער בעפעלקערונג. מיט דער גאנצער בעשטימטהייט ווארפען מיר אב די דאזיגע מיאוס'ע רכילות. מיט דער דייטשער בעפעלקערונג האבען מיר שטענדיג געלעבט אין פרידען און מיר וועלען עס אויך ווייטער טון. אין אונזערע אויפרופען, וועלכע זענען געריכטעט געגען די גרינבוימיסטישע אחדות-ברעכער וויזען מיר נאר אן, אז זייער קאנדידאט צום סענאט איז דער דייטש

## שפיקערמאן, א האלב-אנאלפאבעטישער טישלער-מייסטער.

## מיר שטעלן אקעגען די פערזאן פון בעוו. פינאנסיסט, פילאנטראפ,

## פרעזעס פון צענטראלען סוחרים-פערבאנד אין פוילען,

## פרעזעס פון יתומים-פערזארגונג אין פוילען,

## פרעזעס פון אמעריקאנער הילפס-קאמיטעט

# רפאל שערעשעווסקי

## איצט וועלן מיר זעהן

צי איין יודישע שטימע וועט אפגעגעבען ווערען פאר דעם קאנדידאט פון דער ציוניסטיש-דייטשער ליסטע

## שפיקערמאן

# 18

## אדער פאר'ן קאנדידאט פון אונזער ליסטע

דעם בעקאנטען כלל-טוער, געוו. סענאטאר, ראטמאן פון ווארשאווער שטאט-ראט

# רפאל שערעשעווסקי

# אלע יודען!

## סוחרים, האנדווערקער, אינטעליגענט

# שטימט פאר דעם איינציג יודישען

# קאנדידאט פון דער ליסטע 18

18 די פאלקיסטישע פארטיי אין לאדז
האט בעשלאסען צו די סענאט-וואהלען
צו שטימען פאר דער ליסטע 18 18

